# וואס צו ערווארטן נאך אייער טאראקאטאמי

די ביכל וועט אייך העלפן פארשטיין וואס וועט פאסירן יעדן טאג וואס איר זענט אין שפיטאל. עס וועט אויך ערקלערן וואס איר קענט טון צו ווערן געזונט שנעלער.

דאס זענען צילן פאר אייער ערהוילונג. יעדער מענטש איז אנדערש. אייער ערפארונג וועט מעגליך נישט זיין פונקטליך אזויווי עס שטייט דא. אייער דאקטער אדער נורס וועט אייך זאגן וואס צו ערווארטן.

Memorial Sloan Kettering
Cancer Center

אייער ערשטע נאמען: ____________________________

**אייער קעיר טיעם**______________________________

אייער דאקטער'ס נאמען: __________________________

אייער דאקטער'ס טעלעפאן נומער: ____________________

נורס'ס נאמען: ________________________________

נורס'ס נאמען: ________________________________

פיזישע טעראפיסט'ס נאמען: ________________________

אקיופעישאנאל טעראפיסט'ס נאמען: ___________________

# אינהאלט

טאראקאטאמי װעגװײזער ....................... ................................ 2
אַרײַנפיר ............ ............................... ................................ 6
דער טאג פון אייער אפעראציע ............. ................................ 12
1 טאג נאך אייער אפעראציע ............... ................................ 14
2 טאג נאך אייער אפעראציע ............... ................................ 16
3 טאג נאך אייער אפעראציע ............... ................................ 18
4 טאג נאך אייער אפעראציע ............... ................................ 20
5 טאג נאך אייער אפעראציע ............... ................................ 22
אקטיוויטעטן לאגס ............................ ................................ 24
געימס ............. .............................. ................................ 26

## וואס צו ערווארטן נאך אייער טאראקאטאמי

### 12 יאר און יונגער

| | דעם טאג פון די אפעראציע | איין טאג נאך די אפעראציע |
|---|---|---|
| **וואס זאל איך טון?** | • זיצט אויף אייער בענקל פאר 30 מינוט אדער לענגער.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן בשעת איר זענט אין בעט. צום ביישפיל, פוצט אייער ציין אדער וואשט אפ אייער פנים אין בעט.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. | • גייט ארויס פון בעט 3 מאל היינט. בלייבט אינדרויסן פון בעט פאר 1 שעה אדער מער יעדעס מאל.<br>• שפאצירט היינט ארום אינדרויסן פון אייער צימער 3 מאל אדער מער.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן זיצענדיג אויף די עק פון אייער בעט.<br>• זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. |
| **וואספארא פראצעדורן וועל איך האבן?** | • איר וועט האבן א טשעסט עקס-רעי אין אייער צימער. | • אייער יורינערי קאטעטער קען ווערן ארויסגענומען. |
| **וואספארא מעדיצינען וועל איך נעמען?** | איר וועט באקומען :<br>• מעדיצין קעגן שמערצן דורך אייער עפידורעל PCA, פעריפערל נערוו קאטעטער, אדער IV PCA.<br>• נאך מעדיצין קעגן שמערצן, אזוויי אסעטאמינאופען (Tylenol®), אויב איר ברויכט עס.<br>• מעדיצין צוריקצוהאלטן אייער בויך פון ווערן אומבאקוועם. | איר וועט באקומען :<br>• מעדיצין קעגן שמערצן דורך אייער עפידורעל PCA, פעריפערל נערוו קאטעטער, אדער IV PCA.<br>• נאך מעדיצין קעגן שמערצן, אזוויי אסעטאמינאופען (Tylenol®), אויב איר ברויכט עס .<br>• מעדיצין צוריקצוהאלטן אייער בויך פון ווערן אומבאקוועם, אויב איר ברויכט עס.<br>• מעדיצין אייך צו העלפן ארויסגיין אין ביה"כ. |
| **וואס וועל איך טון אז מיינע לונגען זאלן ווערן שטערקער?** | • יעדן טאג, וועט איר האבן טשעסט פיזישע טעראפי יעדע פיר שעה.<br>• איר וועט האבן פיזישע טעראפי און אקיופעישאנעל טעראפי. א פיזישע טעראפיסט אדער אקיופעישאנעל טעראפיסט וועט אייך באזוכן נאך אייער אפעראציע. זיי וועלן רעדן מיט אייך איבער ווי אפט איר וועט האבן פיזישע אדער אקיופעישאנעל טעראפי. | |

אייער דאקטער און נורסעס וועלן באטראכטן אייער טשעסט רערל יעדן טאג. זיי וועלן עס ארויסנעמען ווען דער מאס פליסיגקייט וואס קומט ארויס פון דעם איז גענוג ווייניג. דאס קען געשען באלד נאך אייער אפעראציע, אדער קען עס זיין אפאר טעג דערנאך.

איר וועט אנהייבן באקומען א אנדערע סארט מעדיצין קעגן שמערצן וואס מען שלינגט אראפ (מעדיצין קעגן שמערצן דורכן מויל) נאכדעם וואס אייער טשעסט רערל ווערט ארויסגענומען. אויב איר האט אן עפידורעל אדער פעריפערל נערוו קאטעטער פאר אייער מעדיצין קעגן שמערצן, וועט אייער דאקטער עס ארויסנעמען באלד נאכדעם וואס מען נעמט ארויס אייער טשעסט רערל.

## טאראקאטאמי וועגווייזער

| 2 טעג נאך אייער אפעראציע | 3 טעג נאך אייער אפעראציע |
|---|---|
| • זייט אינדרויסן פון בעט פאר האלב פון די צייט וואס איר זענט וואך.<br>• שפאצירט 1 פולע רונדע ארום דעם נורסינג יוניט. טוט דאס 3 אדער מער מאל היינט.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן שטייענדיג ביי די קראן.<br>• זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. | • זייט אינדרויסן פון בעט פאר רוב פון די צייט וואס איר זענט וואך.<br>• שפאצירט 2 ביז 3 פולע רונדעס ארום דעם נורסינג יוניט. טוט דאס 3 אדער מער מאל היינט.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן שטייענדיג ביי די קראן.<br>• זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.<br>• טוישט זיך צו נייע קליידער. בעט הילף אויב איר דארפט.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. |
| • אויב איר האט נאך אלץ א יורינערי קאטעטער, וועט מען עס ארויסנעמען. | |
| איר וועט באקומען:<br>• מעדיצין קעגן שמערצן.<br>• נאך מעדיצין קעגן שמערצן (אזוי ווי Tylenol), אויב איר ברויכט עס.<br>• מעדיצין אייך צו העלפן ארויסגיין אין ביה"כ. | איר וועט באקומען:<br>• מעדיצין קעגן שמערצן.<br>• נאך מעדיצין קעגן שמערצן (אזוי ווי Tylenol), אויב איר ברויכט עס.<br>• מעדיצין אייך צו העלפן ארויסגיין אין ביה"כ. |
| • יעדן טאג, וועט איר האבן טשעסט פיזישע טעראפי יעדע 4 שעה.<br>• איר וועט האבן פיזישע טעראפי און אקיופעישאנעל טעראפי. א פיזישע טעראפיסט אדער אקיופעישאנעל טעראפיסט וועט אייך באזוכן נאך אייער אפעראציע. זיי וועלן רעדן מיט אייך איבער ווי אפט איר וועט האבן פיזישע אדער אקיופעישאנעל טעראפי. | |

# וואס צו ערווארטן נאך אייער טאראקאטאמי
## טאראקאטאמי וועגווייזער

| | 4 טעג נאך אפעראציע | 5 טעג נאך אפעראציע |
|---|---|---|
| **וואס זאל איך טון?** | • זייט אינדרויסן פון בעט כמעט די גאנצע צייט וואס איר זענט וואך.<br>• שפאצירט 10 אדער מער פולע רונדעס ארום דעם נורסינג יוניט היינט.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן שטייענדיג ביים קראן.<br>• זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.<br>• טוישט זיך צו נייע קליידער אליינס.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. | • זייט אינדרויסן פון בעט כמעט די גאנצע צייט וואס איר זענט וואך.<br>• שפאצירט 10 אדער מער פולע רונדעס ארום דעם נורסינג יוניט היינט.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן שטייענדיג ביים קראן.<br>• זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.<br>• טוישט זיך צו נייע קליידער אליינס.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. |
| **וואספארא פראצעדורן וועל איך האבן?** | | |
| **וואספארא מעדיצין קענען שמערצן וועל איך נעמען?** | איר וועט באקומען:<br>• מעדיצין קעגן שמערצן, אויב איר דארפט עס. | איר וועט באקומען:<br>• מעדיצין קעגן שמערצן, אויב איר דארפט עס. |
| **וואס וועל איך טון כדי מיינע לונגען זאלן ווערן שטערקער?** | • יעדן טאג, וועט איר האבן טשעסט פיזישע טעראפי יעדע 4 שעה.<br>• איר וועט האבן פיזישע טעראפי און אקיופעישאנעל טעראפי. א פיזישע טעראפיסט אדער אקיופעישאנעל טעראפיסט וועט אייך באזוכן נאך אייער אפעראציע. זיי וועלן רעדן מיט אייך איבער ווי אפט איר וועט האבן פיזישע אדער אקיופעישאנעל טעראפי. | |

## באמערקונגען

# וואס צו ערווארטן נאך אייער טאראקאטאמי

**12 יאר און יונגער**

## וואס קען איך עסן?

די טאג פון אייער אפעראציע, הייבט אן מיט טרינקען נאר פליסיגקייטן. דורכאויס דעם טאג, וועט איר צוביסלעך פרובירן צו עסן סאלידע עסנווארג.

דעם טאג נאך אייער אפעראציע, וועט איר ווייטער פרובירן צו עסן סאלידע עסנווארג כדי איר זאלט קענען צוריק אנהויבן עסן ווי געווענליך.

## וואס איז אן אינסענטיוו ספייראמעטער?



נוצן אן אינסענטיוו ספייראמעטער

אן אינסענטיוו ספייראמעטער איז א געצייג וואס העלפט מאכן איבונגען מיט אייערע לונגען.

צו נוצן אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, אטעמט מען מיטן מויל אויפן רערל. צוערשט, נעמט א שטייטע, טיפע אטעם אויף אריין. דערנאך, אטעמט ארויס ווי געווענליך. פרובירט צו נוצן אייער אינסענטיוו ספייראמעטער 10 מאל יעדע שעה וואס איר זענט וואך.

אייער דאקטער קען אייך בעטן צו בלאזן בלעזלעך אדער צו צו בלאזן אויף א פינוויל אנשטאט נוצן אן אינסענטיוו ספייראמעטער.

## וויאזוי קען איך באקומען מיין מעדיצין פאר שמערצן?

עס זענען דא פארשידענע וועגן וויאזוי איר קענט באקומען אייער מעדיצין פאר שמערצן. די וועג וויאזוי איר באקומט אייער מעדיצין ווענדט זיך אויף וועלכע מעדיצין איר האט.

פרעגט אייער מאמע, טאטע, דאקטער, אדער נורס וואספארא סארט מעדיצין קעגן שמערצן איר האט. איר קענט האבן מער ווי 1 סארט! אט זענען די פארשידענע סארטן מעדיצין קעגן שמערצן וואס איר קענט האבן:

- **עפידורעל מעדיצין קעגן שמערצן :** די מעדיצין וועט ווערן אריינגעלייגט אין אייער רוקן דורך א קליינע רערל. דער רערל וועט וועט ליגן נעבן אייער שדרה. די רערל ווערט גערופן א עפידורעל קאטעטער.
- **פעריפערל נערוו קאטעטער:** דאס ווערט אויך גערופן א נערוו בלאק. אייער מעדיצין וועט ווערן אריינגעלייגט נאנט צו די שניט פון אייער אפעראציע דורך א קליינע רערל. די רערל הייסט א פעריפערל נערוו קאטעטער.
- **IV מעדיצין קעגן שמערצן:** אייער מעדיצין וועט ווערן אריינגעלייגט אין אייער בלוט דורך א קליינע רערל. דער רערל הייסט אן IV ליין.
- **דורכן-מויל מעדיצין קעגן שמערצן:** איר וועט אראפשלינגען אייער מעדיצין. עס קען זיין א פליסיגקייט וואס איר וועט טרינקען, אדער קען עס זיין א פיל וואס איר וועט אראפשלינגען.

אויב איר האט עפידורעל מעדיצין קעגן שמערצן אדער IV מעדיצין קעגן שמערצן, קענט איר נוצן א PCA אייך צו העלפן נעמען דעם מעדיצין. א PCA איז א קנעפל וואס וועט אייך געבן די מעדיצין פאר שמערצן. איר קענט בעטן אייער מאמע, טאטע, אדער א נורס צו דריקן אייער PCA קנעפל.



א PCA קנעפל

## וואס וועט פאסירן דורכאויס פיזישע טעראפי?

פיזישע טעראפי ווערט אויך גערופן PT.

דורכאויס פיזישע טעראפי, וועט אייער פיזישע טעראפיסט אייך העלפן זיך באוועגן. זיי וועלן העלפן מיט זאכן אזוויי ארויסקומען פון בעט, שפאצירן, און גיין ארויף און אראפ טרעפ. זיי וועלן מאכן זיכער איר זענט פארזיכערט בשעת איר גייט ארום.

אייער פיזישע טעראפיסט וועט אייך אויך העלפן מאכן אייערע לונגען שטערקער. זיי וועלן דאס טון דורכן אייך העלפן נוצן אייער אינסענטיוו ספייראמעטער און נעמען טיפע אטעמס.

עס קען זיין איר וועט האבן אייער פיזישע טעראפי אין אייער צימער, אדער קענט איר גיין צו דערנעבנדיגע פלאץ.

## וואס וועט פאסירן דורכאויס טשעסט פיזישע טעראפי?

טשעסט פיזישע טעראפי ווערט אויך גערופן טשעסט PT.

דורכאויס טשעסט PT, וועט א נורס אדער פיזישע טעראפיסט באזוכן אייער צימער. בשעת זיי זענען דארט, וועלן זיי קלאפן אויף אייער רוקן מיט א ספעציעלע געציייג וואס איז געפארעמט רונדיג. דאס וועט אייך העלפן הוסטן און אויסקלארן אייערע לונגען.



באקומען טשעסט פיזישע טעראפי

## וואס וועט פאסירן דורכאויס אקיופעישאנאל טעראפי?

אקיופעישאנאל טעראפי ווערט אויך גערופן OT.

דורכאויס אקיופעישאנאל טעראפי, וועט אייך אייער אקיופעישאנאל טעראפיסט אייך העלפן נאכאמאל טון זאכן וואס איר טוט פאר הנאה. דאס קען זיין זאכן אזויווי מאלן אדער שפילן א געים.

אייער אקיופעישאנאל טעראפיסט וועט אייך אויך העלפן נאכאמאל טון אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן. זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן זענען די זאכן וואס איר טוט צו קעיר נעמען פון זיך, אזויווי פוצן אייערע ציין אדער אפוואשן דעם פנים.

איר קענט האבן אייער אקיופעישאנאל טעראפיסט אין אייער צימער, אדער אין דערנעבנדיג פלאץ.

## וואס איז א נעביולייזער באהאנדלונג?

א נעביולייזער באהאנדלונג ווערט אויך אנגערופן אן אטעמען באהאנדלונג.

צומאל, וועט אייער דאקטער אדער נורס אייך בעטן צו נוצן א אטעמען באהאנדלונג. פאר אייער אטעמען באהאנדלונג, וועט איר ארייננאטעמען און א ווייסע פארע. די פארע האט אין זיך מעדיצין צו העלפן אייערע לונגען זיך היילן. עס וועט אייך אויך העלפן אטעמען בעסער.



נוצן א מאסקע פאר אייער
אטעמען באהאנדלונג

עס איז פארהאן 2 וועגן וויאזוי איר קענט אטעמען די פארע.

- איר קענט אטעמען די פארע פון א מאסקע וואס באדעקט אייער אייער נאז אין מויל. קוקט אויף די בילד (לינקס) צו זען וויאזוי די מאסקע זעט אויס.
- איר קענט אטעמען די פארע פון א לאנגע בלויע רער וואס איר האלט נאנט צו אייער נאז און מויל.

**12 יאר און יונגער**

## ווען וועט מען ארויסנעמען מיין טשעסט רערל?

אייער טשעסט רערל וועט ווערן ארויסגענומען ווען אייער לונג איז גרייט. דאס קען פאסירן סיי וועלכע טאג נאך אייער אפעראציע.

יעדן טאג, וועלן אייער דאקטער און נורסעס קוקן וויפיל פליסיגקייט קומט ארויס פון אייער טשעסט רערל. ווען עס קומט שוין ארויס נאר ווייניג, איז אייער לונג גרייט אז אייער טשעסט רער זאל ווערן ארויסגענומען. דאס קען זיין באלד נאך אייער אפעראציע, אדער קען עס זיין אפאר טעג נאכדעם.

## וויאזוי קען איך שלאפן גוט?

דורכאויס דעם טאג, האלט די פירהענג אפן ארייננצולאזן ליכטיגקייט אין אייער צימער. ביינאכט, לעשט אויס די לעקטער און האלט אייער צימער שטיל.



עפנט די פירהענג דורכאויס דעם טאג, און פארמאכט די פירהענג ביינאכט.

## וויאזוי קען איך וויסן וואס טוט זיך ארום מיר?

יעדן טאג, רעדט ווען וועלכע טאג עס איז און אין וועלכע צימער איר זענט. זאגט די נעמען פון אייער פאמיליע, אייערע דאקטורים, און אייערע נורסעס.

## ווען קען איך אהיימגיין?

איר קענט אהיימגיין ווען אייער לונג איז פארהיילט. איר וועט וויסן אז איר זענט גרייט אהיימצוגיין ווען:

- אייער טשעסט רער ווערט ארויסגענומען.
- איר קענט עסן אייער געווענליכע עסנווארג.
- איר נעמט נאר מעדיצין קעגן שמערצן וואס איר שלינגט אראפ.

# דער טאג פון אייער אפעראציע

## וואס זאל איך טון?

- גייט פון אייער בעט צו אייער בענקל. זיצט אויף אייער בענקל פאר 30 מינוט אדער לענגער.
- טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן אויפגעזעצט אין אייער בעט.
- נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך.



זיצן אויף אייער בענקל

### וואס קען איך טון אויף מיין בענקל?

איר קענט טון אסאך זאכן אויף אייער בענקל! איר קענט:

- זיצן און זיך אפרוען.
- קוקן TV.
- ליינען א ביכל.
- שפילן א ווידעאו געים.
- שפילן א געים.
- טון קרעפטס.

איינער פון טשיילד לייף סערוויסעס וועט באזוכן אייער צימער יעדן טאג. זיי קענען אייך געבן נאך מער געדאנקען וואס צו טון. איר קענט אויך בעטן אייער מאמע, טאטע, אדער נורס זיי צו רופן. זייער טעלעפאן נומער איז 212-639-8285.

### וואס זענען זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן?

זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן זענען די זאכן וואס איר טוט צו קעיר נעמען פון זיך אליינס, אזוויי פוצן אייער ציין אדער אפוואשן דעם פנים.

# דער טאג פון אייער אפעראציע (המשך)

### וואס זאל איך טון?

איר וועט האבן א טשעסט עקס-רעי אין אייער צימער.

**וואס איז אן עקס-רעי ?**

אן עקס-רעי איז ספעציעלע בילד פון אינעווייניג פון אייער קערפער.

א מענטש וועט אריינברענגען די עקס-רעי מאשין אין אייער צימער צו נעמען א בילד בשעת איר ליגט אין בעט.



נעמען א טשעסט עקס-רעי

---

### וואס פארא מעדיצין וועל איך נעמען?

איר וועט נעמען מעדיצין קעגן שמערצן.

- איר וועט באקומען מעדיצין קעגן שמערצן דורך אייער עפידורעל קאטעטער, IV ליניע, אדער פעריפערל נערוו קאטעטער.
- איר קענט האבן א PCA אייך צו העלפן נעמען אייער מעדיצין קעגן שמערצן
- איר וועט באקומען נאך מעדיצין קעגן שמערצן, אזוויי אסעטאמינאופען, אויב איר ברויכט עס.

איר וועט אויך נעמען מעדיצין צוריקצוהאלטן אייער בויך פון ווערן אומבאקוועם (*נאַוסעאָס*).

---

### וואס וועל איך טון כדי מיינע לונגען זאלן ווערן שטארקער?

- איר וועט ארויסקומען פון אייער בעט. איינער וועט קומען צו אייער צימער אייך צו העלפן.
- איר וועט האבן טשעסט PT יעדע 4 שעה.
- נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער אדער פינוויל אדער בלאזט בלעזלען.

# 1 טאג נאך אייער אפעראציע

## וואס זאל איך טון?

- גייט ארויס פון בעט 3 מאל היינט. בלייבט אינדרויסן פון בעט פאר 1 שעה אדער מער יעדעס מאל.
- שפאצירט היינט ארום אינדרויסן פון אייער צימער 3 מאל אדער מער.
- טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן זיצענדיג אויף די עק פון אייער בעט.
- זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.
- נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך.



ארויסקומען פון בעט

## וואספארא פראצעדורן וועל איך האבן?

- אייער יורינערי קאטעטער קען ווערן ארויסגענומען. דאס איז דער רערל וואס העלפט אייך גיין אין ביה"כ.
- אייער טשעסט רערל וועט ווערן ארויסגענומען אויב אייער לונג איז גרייט.
- אויב איר האט אן עפידורעל קאטעטער, וועט מען עס ארויסנעמען נאכן ארויסנעמען אייער טשעסט רערל.

## 1 טאג נאך אייער אפעראציע (המשך)

### וואספארא מעדיצין וועל איך נעמען?

איר וועט נעמען מעדיצין קעגן שמערצן.

- איר וועט באקומען מעדיצין קעגן שמערצן דורך אייער עפידורעל קאטעטער, IV ליין, אדער פעריפערל נערוו קאטעטער.
- איר קענט האבן א PCA אייך צו העלפן נעמען אייער מעדיצין קעגן שמערצן.
- אויב מען נעמט ארויס אייער טשעסט רערל, וועט אייער מעדיצין קעגן שמערצן געטוישט ווערן צו מעדיצין קעגן שמערצן וואס מען נעמט דורכן מויל.
- איר וועט באקומען נאך מעדיצין קעגן שמערצן, (אזויווי Tylenol), אויב איר ברויכט



וואשן אייער פנים ביים עק פונעם בעט

איר וועט אויך נעמען אנדערע סארטן מעדיצין. איר וועט נעמען:

- מעדיצין אייך צו העלפן ארויסגיין אין ביה"כ.
- מעדיצין צוריקצוהאלטן אייער בויך פון ווערן אומבאקוועם (איבלדיג), אויב איר ברויכט עס.

## 2 טעג נאך אייער אפעראציע

### וואס זאל איך טון?

- זייט ארויס פון בעט פאר האלב פון די צייט וואס איר זענט וואך.
- שפאצירט 1 פולע רונדע ארום דעם נורסינג יוניט. טוט דאס 3 אדער מער מאל היינט.
- טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן שטייענדיג ביי די קראן.
- זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.
- נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך.



פוצן אייערע ציין

## 2 טעג נאך אייער אפעראציע (המשך)

### וואספארא פראצעדורן וועל איך האבן?

- אויב איר האט נאך אלץ א יורינערי קאטעטער, וועט מען עס ארויסנעמען. דאס איז דער רערל וואס העלפט אייך גיין אין ביה"כ.
- אייער טשעסט רערל וועט ווערן ארויסגענומען אויב אייער לונג איז גרייט.
- אויב איר האט אן עפידורעל קאטעטער, וועט מען עס ארויסנעמען נאכן ארויסנעמען אייער טשעסט רערל.

---

### וואספארא מעדיצין וועל איך נעמען?

איר וועט נעמען מעדיצין קעגן שמערצן.

- ווען מען נעמט ארויס אייער טשעסט רערל, וועט אייער מעדיצין קעגן שמערצן געטוישט ווערן צו מעדיצין קעגן שמערצן וואס מען נעמט דורכן מויל.
- איר וועט באקומען נאך מעדיצין קעגן שמערצן (אזוי ווי Tylenol) אויב איר ברויכט עס.

איר וועט אויך נעמען מעדיצין אייך צו העלפן ארויסגיין אין ביה"כ.

---

### וואס וועל איך טון כדי מיינע לונגען זאלן ווערן שטארקער?

- איר קענט האבן פיזישע טעראפי, אקיופעישאנעל טעראפי, אדער ביידע.
- איר וועט האבן טשעסט פיזישע טעראפי יעדע 4 שעה.
- נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער אדער פינוויל אדער בלאזט בלעזלען.

# 3 טעג נאך אייער אפעראציע

## וואס זאל איך טון?

- זייט אינדרויסן פון בעט פאר רוב פון די צייט וואס איר זענט וואך.
- שפאצירט 2 ביז 3 פולע רונדעס ארום דעם נורסינג יוניט. טוט דאס 3 אדער מער מאל היינט.
- טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן שטייענדיג ביי די קראן.
- זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.
- טוישט זיך צו נייע קליידער. איר קענען פרעגן דיין מאָם און טאַטע פֿאַר הילף.
- נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך.

---

## וואספארא פראצעדורן וועל איך האבן?

- אייער טשעסט רערל וועט ווערן ארויסגענומען אויב אייער לונג איז גרייט.
- אויב איר האט אן עפידורעל קאטעטער, וועט מען עס ארויסנעמען נאכן ארויסנעמען אייער טשעסט רערל.

---

## וואספארא מעדיצין וועל איך נעמען?

איר וועט נעמען מעדיצין קעגן שמערצן.

- ווען מען נעמט ארויס אייער טשעסט רערל, וועט אייער מעדיצין קעגן שמערצן געטוישט ווערן צו מעדיצין קעגן שמערצן וואס מען נעמט דורכן מויל.
- איר וועט באקומען נאך מעדיצין קעגן שמערצן (אזוויי Tylenol) אויב איר ברויכט עס.

איר וועט אויך נעמען מעדיצין אייך צו העלפן ארויסגיין אין ביה"כ.

# 3 טעג נאך אייער אפעראציע (המשך)

## וואס וועל איך טון כדי מיינע לונגען זאלן ווערן שטארקער?

- איר קענט האבן פיזישע טעראפי, אקיופעישאנעל טעראפי, אדער ביידע.
- איר וועט האבן טשעסט פיזישע טעראפי יעדע 4 שעה.
- נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער אדער פינוויל אדער בלאזט בלעזלען.



שפאצירן ארום דעם יוניט

# 4 טעג נאָך אײער אָפּעראַציע

## וואָס זאָל איך טון?

- זייט אינדרויסן פון בעט כמעט די גאַנצע צייט וואָס איר זענט וואַך.
- שפּאַצירט 10 אָדער מער פולע רונדעס אַרום דעם נורסינג יוניט היינט.
- טוט אייער זעלבסט-קעיר אַקטיוויטעטן שטייענדיג ביים קראַן.
- זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.
- טוישט זיך צו אַ נייע נאַכטהעמד אָדער קליידער אַליינס.
- נוצט אייער אינסענטיוו ספּייראָמעטער, פּינוויל, אָדער בלאָזט בלעזלען 10 מאָל אָדער מער יעדע שעה וואָס איר זענט וואַך.

---

## וואָספאַרא פּראָצעדורן וועל איך האָבן?

- אייער טשעסט רערל וועט ווערן אַרויסגענומען אויב אייער לונג איז גרייט.
- אויב איר האָט אַן עפּידורעל קאַטעטער, וועט מען עס אַרויסנעמען נאָכן אַרויסנעמען אייער טשעסט רערל.

---

## וואָספאַרא מעדיצין וועל איך נעמען?

איר וועט נעמען מעדיצין קעגן שמערצן.

- ווען מען נעמט אַרויס אייער טשעסט רערל, וועט אייער מעדיצין קעגן שמערצן געטוישט ווערן צו מעדיצין קעגן שמערצן וואָס מען נעמט דורכן מויל.
- איר וועט צוביסלעך אָנהויבן נעמען ווייניגער מעדיצין קעגן שמערצן. איר וועט נאָך אַלס נעמען מעדיצין קעגן שמערצן דורכן מויל, אויב איר ברויכט עס.

# 4 טעג נאך אייער אפעראציע (המשך)

## וואס וועל איך טון כדי מיינע לונגען זאלן ווערן שטארקער?

- איר קענט האבן פיזישע טעראפי, אקיופעישאנעל טעראפי, אדער ביידע.
- איר וועט האבן טשעסט פיזישע טעראפי יעדע 4 שעה.
- נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער אדער פינוויל אדער בלאזט בלעזלען.



אנטון נייע קליידער

# 5 טעג נאך אייער אפעראציע

## וואס זאל איך טון?

- זייט אינדרויסן פון בעט כמעט די גאנצע צייט וואס איר זענט וואך.
- שפאצירט 10 אדער מער פולע רונדעס ארום דעם נורסינג יוניט היינט.
- טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן שטייענדיג ביים קראן.
- זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.
- טוישט זיך צו א נייע נאכטהעמד אדער קליידער אליינס.
- נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך.



וואשן אייער פנים ביים קראן

# 5 טעג נאך אייער אפעראציע (המשך)

## וואספארא פראצעדורן וועל איך האבן?

- אייער טשעטס רערל וועט ווערן ארויסגענומען אויב אייער לונג איז גרייט.
- אויב איר האט אן עפידורעל קאטעטער, וועט מען עס ארויסנעמען נאכן ארויסנעמען אייער טשעטס רערל.

---

## וואספארא מעדיצין וועל איך נעמען?

איר וועט נעמען מעדיצין קעגן שמערצן.

- ווען מען נעמט ארויס אייער טשעטס רערל, וועט אייער מעדיצין קעגן שמערצן געטוישט ווערן צו מעדיצין קעגן שמערצן וואס מען נעמט דורכן מויל.
- איר וועט צוביסלעך אנהויבן נעמען ווייניגער מעדיצין קעגן שמערצן. איר וועט נאך אלס נעמען מעדיצין קעגן שמערצן דורכן מויל, אויב איר ברויכט עס.

---

## וואס וועל איך טון כדי מיינע לונגען זאלן ווערן שטארקער?

- איר קענט האבן פיזישע טעראפי, אקיופעישאנעל טעראפי, אדער ביידע.
- איר וועט האבן טשעטס פיזישע טעראפי יעדע 4 שעה.
- נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער אדער פינוויל אדער בלאזט בלעזלען.

> **אויב איר בלייבט אין שפיטאל פאר לענגער ווי 5 טעג, נישט געזארגט!**
>
> **איר קענט ווייטער אויספאלגן די אנווייזונגען פון דעם ביכל.**
>
> **אויב האט איר פראגעס, פרעגט אייער מאמע, טאטע, דאקטער אדער נורס.**

# באוועגט זיך!

ליינט די אנווייזונגען אין יעדע קעסטל. לייגט א סטיקער אדער אן X אינעם קעסטל נאכן אויספאלגן די אנווייזונגען.

| טאג פונעם אפעראציע | גייט פון אייער בעט צו אייער בענקל. | זיצט אין אייער בענקל פאר 30 מינוט. | | |
|---|---|---|---|---|
| 1 טאג נאכן אפעראציע | בלייבט אינדרויסן פון בעט פאר 1 שעה. | בלייבט אינדרויסן פון בעט פאר 1 שעה. | בלייבט אינדרויסן פון בעט פאר 1 שעה. | |
| 2 טעג נאכן אפעראציע | שפאצירט 1 רונדע ארום דעם יוניט. | שפאצירט 1 רונדע ארום דעם יוניט. | שפאצירט 1 רונדע ארום דעם יוניט. | |
| 3 טעג נאכן אפעראציע | שפאצירט 2 רונדעס ארום דעם יוני. | שפאצירט 2 רונדעס ארום דעם יוני. | שפאצירט 2 רונדעס ארום דעם יוני. | |
| 4 טעג נאכן אפעראציע | שפאצירט מער ווי 2 רונדעס ארום דעם יוניט. | שפאצירט מער ווי 2 רונדעס ארום דעם יוניט. | שפאצירט מער ווי 2 רונדעס ארום דעם יוניט. | שפאצירט מער ווי 2 רונדעס ארום דעם יוניט. |
| 5 טעג נאכן אפעראציע | שפאצירט מער ווי 2 רונדעס ארום דעם יוניט. | שפאצירט מער ווי 2 רונדעס ארום דעם יוניט. | שפאצירט מער ווי 2 רונדעס ארום דעם יוניט. | שפאצירט מער ווי 2 רונדעס ארום דעם יוניט. |

# מאכט איבונגען מיט אייערע לונגען!

פרובירט צו מאכן איבונגען מיט אייערע לונגען 10 מאל יעדע שעה וואס איר זענט וואך. דאס קען זיין נוצן אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, בלאזן בלעזלען, אדער בלאזן אויף אייער פינוויל.

לייגט א סטיקער אדער X אינעם קעסטל יעדעס מאל וואס איר מאכט איבונגען מיט אייערע לונגען 10 מאל.

| | טאג פון אפעראציע | 1 טאג נאך אייער אפעראציע | 2 טעג נאך אייער אפעראציע | 3 טעג נאך אייער אפעראציע | 4 טעג נאך אייער אפעראציע | 5 טעג נאך אייער אפעראציע |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 6:00 am | | | | | | |
| 7:00 am | | | | | | |
| 8:00 am | | | | | | |
| 9:00 am | | | | | | |
| 10:00 am | | | | | | |
| 11:00 am | | | | | | |
| 12:00 am | | | | | | |
| 1:00 am | | | | | | |
| 2:00 pm | | | | | | |
| 3:00 pm | | | | | | |
| 4:00 pm | | | | | | |
| 5:00 pm | | | | | | |
| 6:00 pm | | | | | | |
| 7:00 pm | | | | | | |
| 8:00 pm | | | | | | |
| 9:00 pm | | | | | | |
| 10:00 pm | | | | | | |

# פארבט



## פארבט



# ווערטער פאזל

ניצט די פראגעס אריינצופילן דעם ווערטער פאזל.




## אראפ

1. Where you wear a bracelet or watch.
   (וואו טוסטו אן א האנד באנד אדער א זייגער.)
2. The comedian had us in ___________ with his routine.
   (דער וויצן-מאכער האט אונז געמאכט זיין אין ______ מיט זיין שפיל.)
3. Where all the lint collects.
   (וואו אלע לינט ווערט צוזאמגעזאמלט.)
6. It smells.
   (עס שמעקט.)
10. Tell me again, I'm all ______________.
   (זאג מיר נאכאמאל, איך בין אינגאנצן____________.)
11. I fell off my bike and scraped my _________________.
   (איך בין אראפגעפאלן פון מיין בייק און צוקלאפט מיין__________.)

## זייטיג

4. Covered by the sleeves of your shirt.
   (באדעקט מיט די ארבל פון אייער העמד.)
5. Person who prescribes medicine.
   (דער מענטש וואס פארשרייבט מעדיצין.)
7. Where your fork goes.
   (וואו אייער גאפל קומט.)
8. "Thumb" of your foot.
   ("גרויסער פינגער" פון אייער פיס.)
9. I ate too much. Now I have a ___________________ ache.
   (איך האב געגעסן צופיל. יעצט האב איך א ________ ווייטאג.)
10. It'll take a bit of ______________ -grease to get the rust off.
   (מען דארף האבן אביסל _____ -גריס אראפצונעמען די ראסט.)
12. Where to pull off the road when you have a flat tire.
   (וואו אויפן ראוד מען גייט ווען מען איז אויפן וועג און מען האט . א פלאכן רעדל לם)

# שאטן צופאסונג

טרעף דעם שאטן וואס איז די זעלבע ווי דעם בילד.









# באהעפט די פינטלעך

באהעפט די פינטלעך צו מאכן א בילד.



# באהעפט די פינטלעך

באהעפט די פינטלעך צו מאכן א בילד.



# פלאנטער

טרעף דיין וועג דורכן פלאנטער.



# פאלג נאך דעם וועג

פאלג נאך דעם וועג צוצופאסן די בילדער מיט די  נאמען.



# ווערטער שפּיל

טרעף די ווערטער.

| | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| M | O | M | R | B | T | E | U | J | D | U | A | X | S | P | I | N | E |
| C | Q | T | H | R | O | A | T | Y | M | V | S | W | R | A | H | P | N |
| W | R | C | G | O | U | C | A | F | T | H | E | M | F | G | Q | X | O |
| R | Y | I | C | E | C | R | E | A | M | W | O | T | U | C | B | G | D |
| G | L | W | D | E | T | V | M | T | L | R | V | S | W | N | I | Y | A |
| L | W | V | I | R | F | J | L | Q | U | V | E | H | P | X | Y | H | D |
| O | E | X | G | D | C | N | Y | F | N | U | W | Z | M | I | K | J | V |
| V | P | T | D | O | R | C | A | Y | G | O | Z | W | R | J | T | B | I |
| E | A | N | P | C | F | U | S | W | S | Y | N | R | A | Q | W | A | U |
| S | R | C | E | T | W | T | U | M | M | Y | N | U | G | T | S | Q | L |
| M | L | K | R | O | E | Y | X | Q | E | B | H | M | B | E | D | A | Y |
| R | F | Y | V | R | B | H | T | R | S | W | A | Y | X | G | T | U | O |
| W | V | D | U | O | K | L | H | C | M | A | S | K | R | E | N | M | P |
| E | T | G | X | N | P | U | E | G | F | B | Y | S | I | V | U | Z | W |
| R | B | C | U | H | T | W | A | Y | B | W | X | F | T | S | R | E | A |
| R | B | X | R | A | Y | O | R | Z | Q | Y | H | A | W | M | S | V | Y |
| E | Q | Y | V | B | U | W | T | A | M | T | N | I | Y | D | E | T | A |

Bed (בעט)
Dad (טאַטע)
Doctor (דאָקטער)
Gloves (הענטשקעס)
Heart (האַרץ)
Hospital (שפּיטאָל)
Ice cream (אײַז קרעם)
Lungs (לינגען)
Mask (מאַסק)
Mom (מאַמע)
Nurse (נורס)
Spine (שדרה)
Throat (האַלז)
Tummy (בויך)
Xray (עקסרעי)

## באמערקונגען

## באמערקונגען

Memorial Sloan Kettering
Cancer Center